א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

247 | פרשת בראשית | תשע"ח

## מאוצרות אמונים – פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### אין 'בראשית' איז מרומז ברכות און אמן

"בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ" (א א)

עס איז באקאנט וואס די מקובלים זאגן (ראה 'אדרת אליהו' [פון רבי עמנואל חי ריקי] סופי ענבים אות מו) אז אין די ערשטע ווארט אין תורה - "בְּרֵאשִׁית" איז מרומז אלע מצוות. דא וועלן מיר ברענגען עטליכע רמזים אויף תפילה און אמן:

א. "בְּרֵאשִׁית" איז ראשי תיבות: "בקול רם אברך שם ״ תמיד"; "בָּרָא" - איז ראשי תיבות: "ברכות רם אמור"

'תוספות השלם'; 'נחל קדומים'

ב. "בְּרֵאשִׁית" איז ראשי תיבות: "**בראשונה ראה אלוקים שיתפללו ישראל תפילות**".

'עבודת יצחק'

ג. "בְּרֵאשִׁית" איז ראשי תיבות: "**תענה בכוונה אמן יהא שמיה רבה**".

'אגרא דכלה'

ד. "בְּרֵאשִׁית" איז ראשי תיבות: "**תמיד יברך בקול רם שיענו אמן**".

'חסדי דוד'

### די טעג וואס מ'ליינט אין תורה - סימבאלעזירט דעם חיוב פון לערנען

"וַיִּקְרָא אֱלֹקִים לָרָקִיעַ שָׁמָיִם וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם שֵׁנִי" (א ח)

אין גמרא (ב"ק פב א) ווערט געברענגט דער טעם פארוואס די נביאים האבן מתקן געווען מ'זאל אויך ליינען אין תורה מאנטאג און דאנערשטאג (אויסער די תקנה פון ליינען אין שבת), כדי עס זאל נישט אריבער גיין דריי טעג אן קיין תורה. לכאורה דארף מען פארשטיין, צוליב דעם טעם וואלט ענדערשט געווען מ'זאל ליינען דינסטאג און מיטוואך, כדי די הפסקות צווישן די טעג וואס מ'ליינט זאלן זיין די זעלבע: שבת - ליינט מען, זונטאג און מאנטאג - איז הפסקה. דינסטאג און מיטוואך - ליינט מען, דאנערשטאג און פרייטאג - איז הפסקה?

ענטפערט **רבינו יוסף חיים פון באגדאד**:

מ'האט דוקא מתקן געווען ליינען מאנטאג און דאנערשטאג, ווייל אין די טעג זענען באשאפן געווארן די הימל און די ערד, און אויך די פיש, וואס דאס ערוועקט דעם מענטש ער זאל לערנען: 'שמים וארץ' וואס משה האט גענומען זיי זאלן עדות זאגן אויב די אידן זענען מקיים די תורה (דברים ל יט), און 'פיש' וואס פון זיי דארפן מיר זיך לערנען אז שטענדיג דארף מען לערנען תורה, אזוי ווי די פיש קען נישט לעבן אויסערן וואסער, אזוי אויך די אידן קענען נישט עקזיסטירן אן די תורה (ברכות סא ב).

'בן יהוידע' ב"ק פב א

## רזי אמונים – רמזים פון אמן אין די פרשה

### די פירות זענען באשאפן געווארן כדי מ'זאל זאגן א ברכה און ענטפערן אמן

"כִּי טוֹב הָעֵץ לְמַאֲכָל" (ג ז)

'מאכל' איז בגימטריה 'אמן'. דא האט די תורה מרמז געווען אז דער ציל פון באשאפן די פירות איז כדי מ'זאל זאגן אויף זיי א ברכה און מ'זאל ענטפערן אמן. אויך האט די תורה דא מרמז געווען דער ענין פון זאגן ברכות אויף די פירות און ענטפערן אמן אום ט"ו בשבט וואס איז ר"ה לאילן, ווייל 'טוב' איז ראשי תיבות: ט"ו בשבט.

'לבוש יוסף' מועדים עמ' שכז

### זאגן צוויי מאל 'ויכולו'

"וַיְכֻלּוּ הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ וְכָל צְבָאָם" (ב א)

"יעדער וואס דאוונט שבת ביינאכט און זאגט 'ויכולו', די צוויי מלאכי השרת וואס באגלייטן אים לייגן ארויף זייערע הענט אויף זיין קאפ און זאגן אים (ישעיהו ו ז): 'וְסָר עֲוֹנֶךָ וְחַטָּאתְךָ תְּכֻפָּר'" (שבת קיט ב).

מיט דעם ערקלערט **רבי בצלאל הכהן פון ווילנא** די סיבה פארוואס מיר זאגן 'ויכולו' שבת ביינאכט צוויי מאל - ביי שמונה עשרה און אויך נאכדעם:

זאגן 'ויכולו' איז ווי זאגן עדות אויף בריאת העולם, אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (שבת שם, ע"פ גרסת הרא"ש פסחים י טו): "יעדער וואס זאגט ויכולו שבת ביינאכט, איז עס ווי ער זאגט **עדות** אויף הקב"ה אז ער האט באשאפן דער וועלט אין זעקס טעג, און האט גערוהט אין דעם זיבעטן טאג". אבער, וויבאלד אז א רשע איז דאך פסול לעדות, זאגן מיר פריער 'ויכולו' אינמיטן שמונה עשרה כדי אז דורך דעם וועט ער זוכה זיין צו מחילת עוונות (אזוי ווי אויבן דערמאנט), און מיר זאלן נישט גערעכנט ווערן ווי רשעים, און נאר נאכדעם קענען זאגן נאכאמאל 'ויכולו' אלץ א עדות.

'מנחם ציון' דף ח

### פארוואס זאגן מיר נישט א ברכה אויפן חוש השמיעה?

"וּלְאָדָם אָמַר כִּי שָׁמַעְתָּ לְקוֹל אִשְׁתֶּךָ וַתֹּאכַל מִן הָעֵץ אֲשֶׁר צִוִּיתִיךָ לֵאמֹר לֹא תֹאכַל מִמֶּנּוּ" (ג יז)

אסאך וואונדערן זיך: פארוואס האט מען נישט מתקן געווען אינמיטן די ברכות השחר - וואס מיר לויבן השי"ת אויף אלעס גוט'ס - א עקסטערע ברכה אויפן חוש השמיעה, אזוי ווי מ'האט מתקן געווען אויפן חוש הראיה?

**דער בוטשאטשער רב רבי אברהם דוד** ענטפערט לויט דעם אויבנדערמאנטן פסוק:

ווייל דער אויבישטער האט אנגעהאנגען די זינד פון אדם הראשון אין דעם וואס ער האט צוגעהערט צו די שטימע פון זיין פרוי - "כִּי שָׁמַעְתָּ לְקוֹל אִשְׁתֶּךָ", וועגן דעם האט מען נישט מתקן געווען צו זאגן א ברכה אויף דער חוש וואס האט צוגעברענגט די עבירה וואס האט אראפגענידערט אדם הראשון פון זיין גרויסע מדריגה, און איז געשטראפט געווארן און דורך דעם אויך אלע דורות שפעטער.

'מחזה אברהם'

### א שהחיינו אויף קליידער פון לעדער

"וַיַּעַשׂ ה' אֱלֹקִים לְאָדָם וּלְאִשְׁתּוֹ כָּתְנוֹת עוֹר וַיַּלְבִּשֵׁם" (ג כא)

פארוואס פונקט "כָּתְנוֹת עוֹר"?

זאגט דער פרעמישלער מגיד **רבי יוסף אשכנזי**:

לויט די הלכה דער וואס טוהט אן א נייע בגד דארף ער זאגן 'שהחיינו' (שו"ע או"ח רכג ג), און זיכער אז אדם און חוה וואס יעצט איז געווען דאס ערשטע מאל וואס זיי האבן אנגעטוהן א קלייד האבן געדארפט זאגן א ברכה, אבער זיי האבן נישט געקענט זאגן א ברכה כל זמן וואס זיי זענען געווען נאקעט (שם רו ג), וועגן דעם האט השי"ת זיי צוגעגרייט "כָּתְנוֹת עוֹר", וואס אויף דעם זאגט מען נישט קיין שהחיינו (ראה שם רכג ו), ווייל דאס איז פארבינדן מיט הרג'ענען א בעל חי, און עס שטייט דאך (תהילים קמה ט): "וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו".

מיט דעם יסוד האט **רבי אליהו פוסק** דער רב פון זלאטיפאלי ערקלערט די סיבה פארוואס מ'זאגט נישט קיין שהחיינו ווען מ'ענדיגט שרייבן א נייע ספר תורה; אזוי ווי מ'זאגט נישט קיין שהחיינו אויף קליידער וואס זענען געמאכט פון לעדער, אזוי זאגט מען אויך נישט קיין שהחיינו אויף א ספר תורה וואס זיינע יריעות זענען פון לעדער.

'צפנת פענח החדש' (פרנקפורט תנ"ד) ריש ערך אדם וחוה; 'מור ואהלות' אהל ברכות והודאות סי' כד

## מ'הייבט אן פון בראשי"ת

שוין אין די ערשטע ווארט אין די תורה האבן די בעלי התוספות מרמז געווען דעם חוב פון זאגן הויעך די ברכות כדי מ'זאל ענטפערן אויף זיי אמן:

'בראשית' איז ר"ת: '**ב**קול **ר**ם **א**ברך **ש**ם ״ **ת**מיד'. 'ברא' איז ר"ת: '**ב**רכות **ר**ם **א**מור' ('תוספות השלם' בראשית)

און רבי יהודה החסיד שרייבט:

"דער וואס זאגט שטיל די ברכות גזל'ט ער די מצוות" (ספר חסידים רנד).

**יעצט איז דער צייט אנהייבן פון בראשי"ת. מיר וועלן אנהויבן אונזער טאג מיט זאגן ברכות השחר מיט א חברותא.**

ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.

# תענה אמונים

א בליק לויטן
סדר פון דאווענען

## קריאת שמע - די קאפיטל פון ציצית (י"א)

### פארוואס איז געדאפלט 'אני ה' אלוקיכם'?

פארוואס שטייט צוויי מאל: "אני ה' אלוקיכם" ביים ענדע פון קריאת שמע, ערקלערט רש"י לויט וואס עס שטייט אין מדרש: "כדי די אידן זאלן נישט זאגן פארוואס האט דער אויבערשטער געהייסן מ'זאל מקיים זיין די מצוות, נאר כדי מיר זאלן באקומען אויף דעם שכר? מיר וועלן נישט טוהן און מיר וועלן אויך נישט באקומען שכר!". וועגן דעם שטייט נאכאמאל: "אני ה' אלוקיכם" - "איך בין ענקער קעניג און ענק מוזן מיך פאלגן אויך אקעגן ענקער רצון".

נאך עטליכע וועגן שרייבן די מפרשים:

א. דער **'חתם סופר'** ('תורת משה', סו"פ שלח) ערקלערט:

אין אנהויב קריאת שמע רופן מיר אויס: "שמע ישראל ה' אלוקינו", און מיט דעם האלטן מיר זיך גרויס אז דער אויבישטער איז אונזער גא-ט. אבער אין ענדע פון קריאת שמע, נאך וואס מיר האבן מקבל געווען די עול מצוות, מיר האבן זיך ארום גענומען מיט ציצית און תפילין, דעמאלטס האלט דער אויבישטער זיך גרויס מיט אונז און רופט אויס: "אני ה' אלוקיכם", אזוי ווי עס שטייט (ישעיהו מט ג): "יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר".

ב. אויף נאך א וועג ערקלערט דער **מלבי"ם** (במדבר טו מא):

די תורה האט געדאפלט "אני ה' אלוקיכם", צו זאגן: ענק זאלן נישט מיינען אז "אני ה' אלוקיכם" איז נאר אין די צייט פון: "אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים", ווען מיר זענען געווען בני חורין, בעפאר מיר זענען נאכאמאל משועבד געווארן אונטער די אנדערע פעלקער, אבער אין די צייט וואס מיר זענען ווידער אין גלות און מיר זענען אונטער די אנדערע קעניגרייכן, קענען מיר ח"ו אפלאזן די מצוות פון השי"ת. ניין, נאר "אני ה' אלוקיכם" - אויך ווען מ'איז אין גלות.

ג. הג"ר **שמעון שוואב** דער רב פון 'קהל עדת ישורון אין ניו יארק האט ערקלערט:

די הנהגה פון השי"ת קענען מיר זעהן אויף צוויי וועגן, אמאל דערקענט זיך עס דורך די נסים און די מופתים וואס אלע זעהן קלאר, און אמאל איז עס באהאלטן, ווען 'עולם כמנהגו נוהג', דער וועלט פירט זיך אויף זיין שטייגער אונטער די טבע. וועגן דעם האט די תורה געדאפלט און געזאגט: "אני ה' אלוקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים להיות לכם לאלוקים", דיך צו לערנען אז די השגחה וואס האט זיך אנגעזעהן דורך די אותות און די מופתים וואס זענען געווען פון די צייט פון יציאת מצרים ביז צו מתן תורה, איז די זעלבע השגחה אויך אין א צייט פון הסתר פנים, אויך אין די צייטן איז: "אני ה' אלוקיכם" ('אהל משה' סו"פ שלח).

### דער שליח ציבור ענדיגט: 'ה' אלוקיכם אמת'

אין שולחן ערוך (או"ח סא ג) איז גע'פסק'נט: "ביי קריאת שמע זענען דא רמ"ה ווערטער, און כדי צו משלים זיין אקעגן די רמ"ח איברים, ענדיגט דער שליח צבור [פאר זיך]: 'ה' אלקיכם אמת', און זאגט איבער נאכאמאל הויעך: 'ה' אלקיכם אמת'".

אלץ א מקור צו די הלכה ברענגען די פוסקים וואס עס שטייט אין זוהר (זוה"ח רות כרך ב דף ל ב) אין נאמען פון רבי נהוראי: "ביי קריאת שמע זענען דא רמ"ח ווערטער אזוי ווי די צאל פון די רמ"ח אברים, און דער וואס ליינט קריאת שמע ווי עס דארף צו זיין, נעמט יעדע אבר אייןווארט און היילט זיך מיט דעם, און דאס איז די כוונה פון (משלי ג ח): 'רִפְאוּת תְּהִי לְשָׁרֶּךָ וְשִׁקּוּי לְעַצְמוֹתֶיךָ'".

מ'דארף אנצייכענען, אז אנדערשט פון וואס עס שטייט אין שולחן ערוך, זענען דא ראשונים וואס זאגן אז כדי משלים זיין די רמ"ח ווערטער ביי קריאת שמע, האט מען מתקן געווען צו זאגן פאר קריאת שמע די דריי ווערטער: 'א-ל מלך נאמן', וואס זייער ראשי תיבות איז 'אמן', און דאס איז אויך אנשטאט די אמן נאך די ברכה פון 'הבוחר בעמו ישראל באהבה' (ראה שו"ת הרשב"א ח"ז סי' תז).

### באהעפטן 'ה' אלקיכם' צו 'אמת'

דער 'פנים יפות' שרייבט אויפן פסוק (דברים ד ה): "וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹקֵיכֶם חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם": "איך האב געהערט טייטשן בדרך רמז אז 'אַתֶּם' איז די אותיות 'אמת', און עס שטייט (שו"ע או"ח סי' סא ג) אז מ'דארף צולייגן אין סוף פון קריאת שמע 'ה' אלקיכם אמת' כדי משלים זיין די רמ"ח ווערטער אקעגן די רמ"ח אברים און די רמ"ח מצוות עשה, און דאס זאגט דער פסוק: "**ואתם הדבקים בה' אלקיכם**" - ווען מ'באהעפט די ווארט 'אמת' צו "ה' אלקיכם", דעמאלטס: "חיים כולכם היום", לעבן אלע רמ"ח איברים...".

אמאל האט דער בעל התניא געפרעגט פון א גאון וואס איז ביי אים איינגעשטאנען: וועלעכע פסוק אין תורה הייבט זיך און ענדיגט מיט די זעלבע דריי ווערטער? און ווען יענער האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן, האט דער בעל התניא אים געגעבן א רמז, דאס איז אין די פסוק וואס משה רבנו האט נישט געזאגט אמת... יענער גאון האט זיך געוואונדערט הערנדיג די ווערטער... האט דער בעל התניא אים ערקלערט אז דאס איז דער לעצטער פסוק פון די פרשה פון ציצית: "אני ה' אלוקיכם אשר... אני ה' אלוקיכם", מיר ענדיגן מיט 'אמת' אבער משה האט געענדיגט אן די ווארט 'אמת'... ('דעת זקנים' - שיחת חולין פי"א)

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## תפילין אינמיטן וואלד

נפתלי און שמעון זענען געווען צוויי ברודער, די איינציגסטע פארבליבענע פון זייער פאמיליע וואס איז נעבעך אויסגע'הרג'עט געווארן אין לויף פון די קריג. אין די גרויסע פינסטערניש וואס האט געהערשט אין די שרעקליכע געטא'ס, האבן זיי מיט זייער גאנצן כח פארבירט צו בלייבן ערליך און פרום, כאטש עס איז זיי אנגעקומען זייער שווער.

דאס לעבן דארט איז געווארן שווערער פון טאג צו טאג, די פלאץ וואס מ'האט אין אנהויב באשטימט פארן אידישן געטא, איז געווארן קלענער און קלענער, ווען פון מאל צו מאל האט מען אדורך געפירט שרעקליכע 'אקציעס', וואו מ'האט בארבאריש אפגעטיילט די פרויען פון זייערע מענער און קינדער פון זייערע עלטערן און זיי געשיקט צו די טויט לאגערן.

אין איינע פון די טעג, נאך א שרעקליכע אקציע, ווען מ'האט פון דארט אוועק געשיקט נאך עטליכע טויזנטער אידן אויף זייער לעצטע וועג הי"ד, האבן זיי געפיהלט אז די ערד אונטער זייערע פוס ברענט, און זיי דארפן פון דארט אנטלויפן ווי פריער, בעפאר זייער גורל וועט אויך זיין אזוי ווי די אנדערע.

צו זייער אויער איז אנגעקומען א באריכט אז א גרופע אידישע 'פארטיזאנען' נעמען זיך צוזאם אין די וועלדער ארום די געטא, און די נייעס האט אין זיי אריינגעבלאזן א האפענונג, נפתלי האט זיך אנגעצינדן הערנדיג דעם פלאן, ער האט מיט א ברען איבערגערעדט זיין ברודער אז עס לוינט זיך זיי זאלן וואס שנעלער אנטלויפן און זיך צו שטעלן צו די פארטיזאנען, שמעון האט אבער געקווענקלט, טענה'דיג אז דאס אנטלויפן איז פארבינדן מיט זייער א גרויסע סכנה, אבער אין ענדע האט ער באשלאסן זיך צושטעלן צו די באשלוס פון זיין ברודער.

יעצט האבן זיי געדארפט פלאנירן וויאזוי זיי זאלן קענען פון דארט אנטלויפן. דאס אנטלויפן פון די מויערן פון די געטא איז געווען א איינגעשטעלטע זאך, ווייל די מויערן זענען געווען שטארקע און הויכע, און די דייטשן פלעגט ארום שפאצירן ארום די געטא'ס פיר און צוואנציג שעה. וועגן דעם האבן זיי ביידע באשלאסן, ענדערשט זאלן זיי אנטלויפן ווען זיי וועלן זיין אינדרויסן פון די געטא, זייענדיג אין די פאבריק וואו זיי האבן דארט געארבעט.

אין לויף פון אסאך שעה'ן זענען זיי געזיצן און פלאנירט וויאזוי צו אנטלויפן, ביז עס איז זיי אנגעפאלן א פאסיגער געדאנק.

אופצומארגנ'ס אינדערפריה ווען זיי זענען געווען אין די הויף פון די פאבריק, זענען זיי ביידע צוגעגאנגען צום דרייווער פון די לאסט-מאשין וואס האט זיי געפירט צו די טויערן פון די פאבריק, זיי האבן גוט געקענט דעם גוי, און זיי האבן אים אנגעטראגן א שיינע סומע געלט אויב ער וועט זיי העלפן אנטלויפן.

לויטן פלאן, ווען אלע האבן געדארפט אראפ גיין פון די לאסט-מאשין, וועלן זיי ביידע זיך צוריק אריינכאפן אין די לאסט-מאשין, און פון דארט וועט דער גוי זיי טראגן צו א גוי'שער דארפסמאן פון זייערע באקאנטע וואס האט געוואוינט אין עק שטאט, וואס מיט אים האט מען פון פריער אפגעשמועסט אז ער וועט זיי לאזן זיך אויפהאלטן ביי אים אין הויז ביז עס ווערן טונקל, און דעמאלטס וועט ער זיי ווייזן די וועג וואס פירט צו דער וואלד וואו דארט האבן זיי פלאנירט זיך צושטעלן די גרופע פון די אידישע פארטיזאנען.

מיטן אויבערשטנ'ס הילף איז אלעס געווען מיט הצלחה אזוי ווי געראכטן; אויפצומארגנ'ס גאר פריה, נאכן לייגן תפילין און א קורצע דורכגעוואייקטע תפילה זיי זאלן מצליח זיין אין זייער מסוכנ'דיגע וועג, האבן זיי ביידע זיך געאיילט ארויף גיין אויף די לאסט-מאשין, צוזאם געשטופט מיט די אנדערע פון די געטא, נישט בעפאר זיי האבן געווינקען מיט זייערע אויגן צום דרייווער וואס האט זיי אויך צוריק געענטפערט מיט א ווינק.

ווען די לאסט-מאשין איז אנגעקומען צו די טויערן פון די לאגער, האבן זיך אלע געאיילט אראפ גיין און אויסגראדן זייערע ווייעדיגע ביינער, און זענען געלאפן צו די פלאץ וואו דארט איז פארגעקומען די 'אפעל', וואו דארט האט מען יעדן אינדערפריה אלעמען געציילט. יענע קורצע טומל'דיגע מינוט האבן די ברודער אויסגענוצט זיך צוריק כאפן צו די לאסט-מאשין, ווען זיי שטעלן אן א פנים ווי זיי וואלטן עפעס דארט פארגעסן. באלד ווען זיי זענען צוריק, האט דער דרייווער נישט געווארט איין מינוט, און האט זיך געאיילט אוועק פארן פון די פאבריק.

אנקומענדיג נעבן דעם הויז פונעם דארפסמאן האט דער דרייווער אפגענומען זיין געלט וואס מ'האט אים צוגעזאגט, און נאכדעם האט ער געהאלפן פאר די ברודער זיי זאלן אראפ גיין און פארשוואונדן ווערן אין די הויף פון דעם דארפסמאן, אז קיינער פון די דורכגייער זאל זיי נישט באמערקן.

אין לויף פון די שעה'ן וואס איז איבערגעבליבן ביז עס האט געדארפט ווערן טונקל האבן זיך די ברודער באהאלטן אין די הויז פון דער גוי, ציטערנדיג פון די דייטשן וואס האבן זיך א גאנצע צייט געדרייט צווישן די גוי'שע הייזער, כדי צו טרעפן די פאטענציעלע אנטלויפער'ס. ביינאכט האט דער דארפסמאן באגלייט די ברודער צו די אנהייב פון די וואלד אקעגן די פלאץ וואו דארט זענען געווען די גרופעס פארטיזאנען אין די טיפענישן פון די וואלד, דארט האט ער זיך געזעגנט פון זיי, נישט בעפאר ער באקומט אין די האנט א שיינע סומע.

די ברודער האבן זיך שיין געריקט אין די געדעכטע פינסטערניש ביז זיי זענען שוין געווען גענוג רואיג זיך צו קענען אפשטעלן, זיי האבן ארויסגענומען פון זייער טאשקע א דינע דעק און עס אויסגעשפרייט אויף די ערד און געוואלט כאפן א דרימל ביז עס וועט ווערן טאג און זיי וועלן פארזעצן זייער וועג.

אבער דעמאלטס האט זיך שמעון דערמאנט פון א וויכטיגע זאך. אין די גרויסע ברען האבן זיי פארגעסן מיטנעמען די איינציגע פאר תפילין וואס זיי האבן פארמאגט, וואס דאס האבן זיי מקפיד געווען צו לייגן יעדן טאג אין די שווערע אומשטענדן מיט מסירות נפש.

נפתלי האט פראבירט בארואיגן זיין ברודער זאגנדיג אז עס איז זיכער אז אין די קומענדיגע טעג וועלן זיי שוין האבן א אנדערע פאר תפילין פון די אידישע פארטיזאנען, אבער שמעון האט זיך נישט בארואיגט; "איך גיי שוין צוריק צו די געטא, איך וויל אז שוין מארגן אינדערפריה זאל איך האבן תפילין!" - האט ער געזאגט זיינס. נפתלי האט אים פראבירט אפהאלטן, ווען ער שטעלט אים פאר די גרויסע סכנה, אבער שמעון האט זיך געהאלטן ביי זיינס, און נפתלי האט אים נישט געקענט אפהאלטן.

שמעון האט זיך געאיילט צוריק גיין אויף דעם זעלבן וועג וואס זיי זענען געקומען, ווען אינצווישן איז נפתלי געבליבן אליין צווישן דיביימער אין וואלד, ווען זיינע ליפן הערן נישט אויף צו מורמלען אויף די הצלחה פון זיין ברודער און ער זאל צוריק קומען בשלום פון זיין מסוכנ'דיגע וועג.

שמעון האט זיך געאיילט צו גיין מיט שנעלע טריט ביז צו די געטא, ער האט געדענקט אז אין א געוויסע ווינקל איז פארהאן א קליינע לאך אין די מויער, וואו דורך דעם האבן די קינדער אין די געטא אריבערגעשווערצט עסנווארג צו די געטא, און ער האט געהאפט אז אין דער לאך וועט ער קענען אריינקריכן אין די געטא.

פון די ווינקל פון זיין אויג האט ער באמערקט ווי א דייטש שפאצירט ארום דעם מויער, און יעצט קען ער זיך נישט דערנענטערן צו יענע לאך, אבער אין די מינוט וואס דער דייטש איז געווען גענוג ווייט איז שמעון שנעל אהין צוגעשפרינגען.

זייער שווער איז אים אנגעקומען זיך אדורך שטופן אין די קליינע לאך, ווען ער שטרענגט זיך זייער אן, און עס האט געדויערט טייערע מינוטן. שמעון האט זיך געראטעוועט פון די לאך אין די סקונדע וואס עס איז געהערט געווארן די שווערע טריט פון דער דייטש וואס האט זיך דערנענטערט.

ער האט זיך באהאלטן אונטער א נידריגע געוואוקס ביז דער דייטש איז צום צווייטן מאל פארשוואונדן געווארן, און דעמאלטס האט ער זיך געאיילט צו גיין צום שטוב וואו זיי זענען דעם לעצטן טאג. שמעון האט געוואלט עפענען די טיר, אבער עס איז געווען פארשפארט, דער שליסל איז געבליבן ביי זיין ברודער נפתלי. עס איז אים נישט שווער געווען עס אויפברעכן, אבער ער האט געציטערט טאמער וועט ער אויפוועקן די שכנים, וואס דאס האט ער נישט געוואלט, וועגן דעם האט ער באשלאסן אז ער וועט אריינקריכן אין שטוב דורך די פענסטער וואס איז געווען אפן.

שטילערהייט איז שמעון אריינגעקראכן דורכ'ן פענסטער, ווען ער כאפט זיך אן אין די אייזענעס וואס שטעקן ארויס פון די וואנט, און באלד איז אים געלונגען אריינגיין אינעווייניג.

ער איז צוגעגאנגען צו די שאפע, און ארויסגענומען די הייליגע תפילין פון זייער באהעלטעניש, זיי געקושט מיט ליבשאפט און עס אריינגעשטופט אין זיין טאש, און איז באלד צוריק ארויס דורכן פענסטער, און געגאנגען צו די ריכטונג פון די מויער פון די געטא. ער האט זיך נאכאמאל באהאלטן אביסל אפגערוקט פון די לאך, און ווען דער דייטש איז געווען גענוג ווייט, איז ער צוגעשפרינגען צו די לאך, יעצט איז שוין גרינגער געווען, עס זעהט אויס אז די לאך איז אביסל ברייטער געווארן ווען ער איז אריבער דאס ערשטע מאל.

שמעון האט זיך געאיילט צו באהאלטן אין א פעלד פון ווייץ, אבער דעמאלטס האט פאסירט א אומגעראכטענע זאך, אינמיטן וועג האט ער אומוועלנדיג אפגעטרויטן א נעסט פון פייגלעך, און זיי זענען פון דארט אנטלאפן מיט א געשריי. ריזיגע פראדזשעקטאר'ס זענען באלד אנגעצינדן געווארן, און די אנגעצויגענע דייטשן האבן דערשראקענערהייט אנגעהויבן שיסן אויף אלע זייטן.

שמעון האט זיך באהאלטן צווישן די הויכע זאנגען, און ביז עטליכע מינוט איז צוריק שטיל געווארן, דעמאלטס האט ער אנגעהויבן צו לויפן צו די ריכטונג פון די וואלד. אסאך צייט האט געדויערט ביז ער האט געטראפן אין די פינסטערניש די וועג וואס ער איז אריין, עס איז שוין געווען אינדערפריה ווען שמעון האט באמערקט זיין ברודער זיצט אויף די ערד מיט א סידור אין האנט און ער דאווענט מיט גרויס געפיהל אויף די הצלחה פון זיין ברודער.

די באגעגעניש צווישן די צוויי ברודער האט אויסגעזעהן ווי זיי וואלטן זיך נישט געטראפן א לאנגע צייט, שמעון האט זיך געאיילט ארויסנעמען די תפילין און זיי אנטוהן.

די שחרית וואס זיי ביידע האבן שפעטער געדאוונט, איז געווען אדורכגעווייקט מיט טרערן, טרערן וואס האבן ארויסגעברענגט די געוואלדיגע גליק פון מקיים זיין א מצוה מיט מסירות נפש, צוזאמען מיט א שטארקע האפענונג אויף הצלחה אין די פארזעצונג פון די מסוכנ'דיגע וועג.

'למעלה מן השמש' קובץ טו עמ' 65

עיצובים shay